דאָס פאָלקס־ליד און נייעסטע יידישע פּאָעזיע

געדאנקן פון א פאָלקלאריסט

עס וועט ניט זיין קיין פּאַראדאָקס, ווען מיר וועלן זאָגן, אז אויף דער נייעסטער יידישער פּאָעזיע ליגט נאָך אלץ דער שטעמפּל פון אונזער ליבען תמימות׳דיגען פאָלקס־ליד. און זאָל דאָס ניט לגנאי געזאָגט ווערן, ווייל מיר האלטן נאָך פונ׳ם כלל: בעסער זיין א קאָפּ פון א לעבעדיגן פוקס, איידער אנ׳עק פון א טויטן לייב.... די מאָדערנע יידישע פּאָעזיע, ווי ראפינירט זי זעהט ניט אויס אויפ׳ן ערשטן אויגנבליק, איז זי דאָך אין איר עצם־תוך פאָלקסטימליך און, אויב איר ווילט, זאָגאר, פאָלקלאריש. וויפיל זי זאָל זיך ניט וועלן פארקליידן אין דעם אייראָפּייאישן פּראַק און האנדשוה, שטעקט נאָך אלץ ארויס פון איר בוזים דער טלית־קטן מיט דעם „לייפּסערדאַק״... פאר אונזערע משכילים, פאר די אלטע ווי פאר די שפּאגל־נייע, איז דאָס אפשר א גרויסע חרפה; פאר אונז אבער, וואָס שעצן טאקע „איבער אלעס״ עכטקייט און פאַרוואָרצלטקייט, איז דער „יחוס־בריוו״ פון אונזער מאָדערנער פּאָעזיע, אז זי שטאמט טאקע פון דעם אלטן פאָלקס־שויס ארויס, ניט נאָר קיין בושה, נאָר א גרויס געווינס.

אז פרוג, רייזען און מאָריס ראָזענפעלד, זיינען דורכאויס אין זייערע בעסטע אויפריכטיגסטע זאכן פאָלקסטימליך, דארף מען, דאכט זיך, גאָר ניט דערווייזן. זייערע ליריק זיינען סיי לויט׳ן גראם און סיי לויט׳ן מאָטיוו גאָר נאָהנטע קרובים מיט׳ן ליד פון פאָלק. זיי פארגיסן טרערן אויפ׳ן ביטערן יידישן מזל, זיי וועקן דאָס „פּינטעלע ייד״, דעם רחמנות־געפיל און, אָפּט, יידישע גוטהערציקייט, פּונקט ווי דאָס האָט געטאָן דאָס פאָלקס־ליד בשעתו. פון דעם גלאנץ און לוקסוס פון דער אייראָפּייאישער פּאָעזיע מיט אירע פּרינצן און מאטראָנעסעס, ניט זייערע האלב־געפילן און ווילדען דעגענעראטיווען ריח פון קאָקאַין און אָפּיום, ווייסט לחלוטין ניט די יידישע מאָדערנע פּאָעזיע פון די אויבנדערמאָנטע דיכטער. זי איז זיי, די דאָזיגע אייראָפּייאישקייט, לגמרי פרעמד און אומפארשטענדליך; קינדער פון פאָלק, וואָס האָבן געדיכטעט, זיינען זיי געווען אינגאנצן אונטער דער השפעה פון דעם מקור פון דער פאָלקס־פּאָעזיע, וואָס איז געווען און געבליבן — דאָס פאָלקס־ליד. דער שפּעטערדיגער פּעריאָד אין אונזער פּאָעזיע מיט דוד איינהאָרנ׳ס „שטילע געזאנגען״, איז ניט מעהר ווי א ווייטערדיגער עטאַפּ פון דעם פאָלקס־ליד מיט זיין אלטן זיפץ און קרעכץ, מיט זיין צניעות און בארמהערציקייט און, דערהויפּט, מיט זיין נאַאיוו־אויפריכטיגער ליבע צו דער יידישער טאָכטער, וואָס איז נאָך ניט פאר׳סמ׳ט מיט דער הפקרות אין געדאנק און איבערזעטיקייט אין געפיל. ווי דאָס איז דאָס רוב דער פאל אין דעם ליבע־ליד פון דער מאָדערנער פראנצויזישער פּאָעזיע. איינהאָרן און די יידישע פּאָעטן פון יענער צייט, וואָס זיינען ניט אזוי אָריגינעל ווי ער, האָבן פון די „שטארקע לײדנשאפטן״, אזוי צו זאָגן, ניט געוואוסט, פּונקט ווי פון זיי האָט ניט געוואוסט די פּאָעזיע פונ׳ם פאָלק. און ווי לייבליכע שוועסטער וואָס איינע איז א עלטערע און די צווייטע א יונגערע — קאָנען פארגליכן ווערן די איינהאָרנ׳שע לידער מיט די פאָלקס־לידער.

און ווייטער, ווען די יידישע פּאָעזיע מאכט נאָך א שריט נעהנטער צו דער אייראָפּייאישקייט, עס באווייזן זיך א גאנצע רייהע דיכטער אין אמעריקא, ווי מאני־לייב האַלפּערן, לייוויק, און אין אוקריינע: קוויטקאָ, האָפשטיין און שווארצמאַן, וועלכע זיינען שוין לויט זייער מוזיקאלישן ריטם און לויט זייער שפּראך־פיינקייט און געפיל־ראפינירטקייט מייל־ווייט פון א רייזען׳ען און מאָריס ראָזענפעלד׳ן, אויף זיי ליגט שוין בולט דער איינפלוס פון דער מאָדערנער וועלטליכער פּאָעזיע, זיי זיינען שוין, קאָן זיך אויסדוכטן, אינגאנצן ארויס פון די כללישע „וויקעלעך״. זיי זיינען שוין קיין פאָדים אין דעם „פאָלקס־געוועב״, נאָר אומות־העולם׳דיג, זייער פּאָעזיע האָט זיך שוין ווי אסימילירט מיט דער דיכטונג פון דער פרעמדער „אַרישער״ אומגעבונג, — זיינען דאָס אָבער נאָר אויסערליכע סמנים פון דעם אויסערליכן געבוי פון זייערע שירים; אין תוך גענומען, שפּינען זיי ווייטער דעם אלט־יידישן גאָלדענעם שטראל, וואָס האָט זיך צו אלעם ערשט באוויזן אין זיין ליבן שיין פאר׳ן פאָלק, און האָט ארויסגעשטראלט פון פאָלק... ווייל טראכט מען זיך נאָר אריין אין די סטימולן, וואָס האָבן אָט די דאָזיגע יונגע דיכטער באגייסטערט און באוועגט, דערפילט מען גלייך דעם אָטעם פון אונזער פאָלקס־דיכטונג. וואָרום ווי געוואגט און ווי פארשייט כלומרשט ס׳זיינען די מאָטיוון פון די דאָזיגע דיכטער, געהן זיי דאָך ניט ארויס פון די גרעניצן, פון דעם מאָראלישן און געזעלשאפטליכן קרייז פון דער אלטער יידישער פּאָעזיע. עס פעהלט אין זיי יענע צעלאָזנקייט און אמאָראלישקייט, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר׳ן אייראָפּייאישן דעגענעראטיוון דור מיט זיין „ראפינירטן״ ביז אמאָראלישער הפקרות, „ליבע־גענוסן״... אונזערע יונגע דיכטער, זאָל זיי עס צו קיין חרפה ניט זיין, זיינען נאָך ניט גאָר ווייט אוועק פון די אלע מדות, וואָס אונזער פאָלקס־פּאָעזיע איז מיט זיי דורכגעדרונגען, נעמליך, מיט דעם מאָראלישן שטרעבן אָנצונעמען זיך די קריוודע פאר דעם געיאָגטן און געפּלאָגטן... אונזער יונגע פּאָעזיע, מיט גאָר קליינע אויסנאמען, איז געבליבן געזונט און געזעלשאפטליך. איר זיפץ און איר טרער און איר בייגקשאפט שטראָמען ארויס פון יענעם קוואל, וואו דורות און דורות האָבן געזאמעלט זייער פרייד און עצבות, זייער מאָראלישע קראפט און, דער עיקר, זייער פאָלקסטימליכקייט, זייער אייגענס...

אָט דערין ליגט דער סוד, וואָס אונזער פּאָעזיע איז תמיד פריש און זאנפט, ווייל זי איז שטענדיג פארוואָרצלט אין די געדיכטסטע טיפענישן פונ׳ם פאָלקס־באָדן, ווייל איבער איר קאָפּ, אָפּט־מאָל אומבאוואוסט פאר די דיכטער אליין, שוועבט דער גייסט פון א מארטירער־עבר, פון מסירת־נפש אין די פארשיידענסטע פאָרמען, און געשטאלטן.

און כל־זמן אונזער פּאָעזיע וועט ניט איבעררייסן דעם שנור, וואָס פארבינדט און פארקניפּט זי מיט׳ן פאָלקס־ליד, וועט זי בלייבן אייביג־יונג און אייביג־שעפעריש, ווי דער גייסט פון פאָלק, וואָס ווייס פון קיין עלטער ניט...

שמואל רובינשטיין

1st gen.

ridiculous argument based on pathos & collective concerns